**ניו יארק סטעיט**

# עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם

## אינפארמאציע פאר דינגערס - דאקומענטן 'טשעקליסט'

דער ניו יארק סטעיט עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם (Emergency Rental Assistance Program) העלפט בארעכטיגטע הויזגעזינדער וואס זענען אונטערשטעליג אויף רענט און וואס האבן מיטגעמאכט פינאנציעלע שוועריגקייטן צוליב קאוויד־19, און זענען איינגעשטעלט אויף היימלאזיגקייט אדער אומסטאבילע וואוינונגס אומשטענדן.

**ווען מען ווענדט זיך פאר הילף, דארפן דינגער צושטעלן:**

- **פערזענליכע אידענטיפיקאציע** פאר דער הויפט אפליקאנט (יחיד וועלכע שרייבט אונטער דער אפליקאציע). אידענטיפיקאציע וואס מיר נעמען אן רעכענען אריין: א בילד ID, דרייווער לייסענס אדער רעגירונג ID פאר נישט־דרייווערס, פאספארט, EBT/Benefits קארטל, געבורטס סערטיפיקאַט, אדער סקול רעגיסטראציע.
- **סאושעל סעקיוריטי נומער** פאר הויזגעזינד מיטגלידער וועלכע האבן דאס. **מענטשן דארפן נישט האבן קיין לעגאלע אימיגראציע סטאטוס צו קוואליפיצירן פאר דעם פראגראם.**
- **א באווייז אויף די רענט סומע**, אן אונטערגעשריבענע ליעס, אפילו אויב עס איז אפגעלאפען. אויב עס איז נישט דא קיין ליעס, קען מען באווייזן דורך א רענט רעסיט, אדער א גע'קענסעל'טע טשעק אדער מאני ארדער. אויב עס זענען נישט דא קיין שום דאקומענטן אויף צו באווייזן, קען מען אריינגעבן א לענדלארד באשטעטיגונג.
- **וואוינונג באווייז** —אן אונטערגעשריבענער ליעס, רענט רעסיט, יוטיליטי בילל, סקול רעקאָרדס, באנק סטעיטמענט, עפעס באקומען אויף פאסט מיט דעם נאמען פון אפליקאנט, אינשורענס בילל, אדער דרייווער לייסענס. דער באווייז דארף זיין קראנט.
- **פארדינסט באווייז:**
  - **דאקומענטן וועלכע ווייזן חודש'ליכע פארדינסט** פון דער לעצט-פארלאפענער חודש, ווי צ.ב.ש. פעי־סטאָבס, באנק דעפּאַזיט באשטעטיגונג, ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן בריוו, אדער אנדערע באווייזן;

    **אדער**

  - **דאקומענטן וואס ווייזן יערליכע פארדינסט פאר 2020**, ווי צ.ב.ש. א W-2 פארם פון א באשעפטיגער/ארבעטס־געבער, א יערליכע סטעיטמענט פון פארדינסט, אדער א קאָפּיע פון אן אויסגעפילטע 'טעקס ריטורן' דאקומענט, ווי צ.ב.ש. א 1099, 1040, EZ1040, אדער אן אנדערע באווייז פון 2020 יערליכע פארדינסט.
  - זעלבסט-באשטעטיגונג דורך א געשריבענער און אונטערגע'חתמ'טער סטעיטמענט פארדינסט איז ערלויבט אין געוויסע אומשטענדן ווען עס זענען נישט פארהאן קיין אנדערע דאקומענטן ווי למשל געוויסע סארטן זעלבסט־באשעפטיגונג.
- **קאָפּיע פון א גאז אדער עלעקטריק יוטיליטי ביל**, אויב בעט מען הילף צו צאלן אונטערשטעליגע יוטיליטיס ביי דעם זעלבן דירה ווי מען רענט.

אפליקאנטן וועלן דארפן באשטעטיגן אז א הויזגעזינד מיטגליד האט, אנגעהויבן מערץ 13, 2020, אדער שפעטער, באקומען ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן, **אדער** באקומען קלענערע פארדינסטן, אדער איז געטראפן געווארן מיט גרעסערע הוצאות, אדער האט מיטגעמאכט אנדערע פינאנציעלע שוועריגקייטן אלס א דירעקטע אדער אומדירעקטע תוצאה פון דער

קאוויד-19 פאנדעמיע. אפליקאנטן וועלן מוזן אונטערשרייבן דעם אפליקאציע און פארבינדענע באשטעטיגונגען אז אלע איינגעגעבענע אינפארמאציע איז גענוי און ריכטיג.